NEW YORK STATE | Paid Family Leave

# אינפארמאציע פאר ארבע

**ניו יארק סטעיט באצאלטע פאמיליע אורלויב (Paid Family Leave, PFL) שטעלט צו ארבעט-באשיצטע, באצאלטע צייט אראפ כדי איר זאלט קענען:**

**נאנטשאפט**
מיט א ניי געבוירענע, אדאפטירטע, אדער פאסטער קינד

**קעיר**
פאר א פאמיליע מיטגליד מיט אן ערנסטע געזונט צושטאנד

**העלפן**
באליבטע ווען א פאמיליע מיטגליד איז סטאנציאנירט איבערן ים אויף אקטיווע מיליטערישע דינסט

## ווער איז געדעקט אונטער באצאלטע פאמיליע אורלויב?

מערסטנס ארבעטערס וועלכע ארבעטן פאר פריוואטע ארבעטסגעבערס אין ניו יארק סטעיט (New York State, NYS) זענען געדעקט אונטער באצאלטע פאמיליע אורלויב (PFL). אויב איר זענט א פובליק ארבעטער, קענט איר מעגליך זיין געדעקט אויב אייער ארבעטסגעבער האט אויסגעוועלט צוצושטעלן די בענעפיט. יוניאן-פארטרעטע פובליק ארבעטער קענען מעגליך זיין געדעקט אויב די בענעפיט איז באהאנדלט געווארן דורך געמיינזאמע פארהאנדלונגען.

## וויאזוי קען באצאלטע פאמיליע אורלויב העלפן אייך און אייער פאמיליע?

- **ווערן נאנט מיט א קינד:** איר קענט נעמען צייט צו ווערן נאנט מיט אייער ניי געבוירענע, אדאפטירטע, אדער פאסטער קינד אינערהאלב די ערשטע 12 מאנאטן פון געבורט אדער פלאצירונג.
- **זיך אפגעבן מיט א פאמיליע מיטגליד:** איר קענט נעמען צייט זיך אפצוגעבן מיט א מאן/ווייב, דאמעסטישע שותף, קינד/שטיף קינד, שוועסטער/ברודער (ביאלאגיש, אדאפטירטע, האלבע, און שטיף), עלטערן/שטיף עלטערן, שווער/שוויגער, זיידע/באבע, אדער אייניקל מיט אן ערנסטע געזונט צושטאנד.
- **העלפן א סערוויס מיטגליד:** איר קענט נעמען צייט צו העלפן ווען א מאן/ווייב, דאמעסטישע שותף, קינד, אדער עלטערן ווערט גערופן צו אקטיווע מיליטערישע דינסט איבערן ים.

## ווער איז בארעכטיגט פאר באצאלטע פאמיליע אורלויב?

אויב איר זענט געדעקט אונטער PFL, זענט איר בארעכטיגט עס צו נעמען פאר א קוואליפיצירטע פאסירונג ווען איר זענט שוין נאכגעקומען די מינימאלע פארלאנגען:

- **פול-טיים ארבעטער:** אויב איר ארבעט א געהעריגע סקעדזשול פון 20 אדער מער שעה פער וואך, זענט איר בארעכטיגט נאך 26 נאכאנאנדע וואכן פון ארבעטן מיט אייער ארבעטסגעבער.
- **פארט-טיים ארבעטער:** אויב איר ארבעט א געהעריגע סקעדזשול פון ווייניגער ווי 20 שעה פער וואך, זענט איר בארעכטיגט נאכן ארבעטן פאר אייער ארבעטסגעבער פאר 175 טעג, וועלכע דארפן נישט זיין נאכאנאנד.

בירגערשאפט און/אדער אימיגראציע סטאטוס איז נישט א פאקטאר אין אייער בארעכטיגונג. געוויסע פארט-טיים אדער סעזאנאלע ארבעטער קענען קוואליפיצירן פאר א וועיווער זיך אפצוזאגן פון דעקונג. באזוכט paidfamilyleave.ny.gov/protections#opting-out אויסצוגעפינען מער.

## וואס זענען אייערע רעכטן און באשיצונגען אונטער באצאלטע פאמיליע אורלויב?

- **ארבעט באשיצונג:** איר זענט פארזיכערט צוריקצוגיין צו די זעלבע אדער ענליכע ארבעט פאזיציע נאכדעם וואס איר נעמט אורלויב.
- **העלט אינשורענס:** אייער דעקונג גייט ווייטער אן בשעת איר זענט אויף אורלויב אויף די זעלבע באדינגונגען אזוי ווי איר טוט ווייטער ארבעטן. אויב איר ביישטייערט צו די קאסט פון אייער העלט אינשורענס, דארפט איר ווייטער באצאלן אייער טייל בשעת איר זענט אויף אורלויב.
- **דיסקרימינאציע & נקמה:** אייער ארבעטסגעבער טאר נישט דיסקרימינירן אדער נקמה נעמען אנטקעגן אייך פארן פארלאנגען אדער נעמען PFL.

## וויאזוי ווערט באצאלטע פאמיליע אורלויב באצאלט?

באצאלטע פאמיליע אורלויב ווערט באצאלט דורך ארבעטער פעיראל ביישטייערונגען וואס ווערט באשטימט יעדע יאר צוצופאסן די קאסט פון דעקונג. די ביישטייערונג ראטע ווערט איבערגעקוקט יערליך, און איז אויסגעשטעלט זיך צו טוישן דורך די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services). באזוכט PaidFamilyLeave.ny.gov/cost פאר די יעצטיגע ביישטייערונג ראטע און יערליכע מאקסימום ביישטייערונג.

# 12 וואכן

67% פון אייער געהאלט

(באגרענעצט צו 67% פון NYSAWW)

## וואס זענען די בענעפיטן?

איך קענט נעמען ביז 12 וואכן פון PFL און באקומען 67% פון אייער דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט (Average Weekly Wage, AWW), ביז צו 67% פון די ניו יארק סטעיט דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט (New York State Average Weekly Wage, NYSAWW). אין אלגעמיין, אייער AWW איז די דורכשניט פון אייער לעצטע אכט וואכן פון באצאלט איידער אנהויבן PFL. די NYSAWW ווערט איבערגערעכנט יעדעס יאר און ווערט אויסגעלייגט אויף די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון לעיבאר'ס (Department of Labor) וועבזייטל. זעט **dol.ny.gov**.

## ווי אזוי געבט מען זיך איין?

פארלאנגען PFL איז גרינג. פאנגט אן דורך פלאנירן אייער אורלויב:

- מען קען נעמען אורלויב אדער אלעס אויף איינמאל אדער אפגעהאקט, אבער עס מוז ווערן גענומען אין פולע טעג טייל.
- איר דארפט מעלדן אייער ארבעטסגעבער כאטש 30 טעג איידער די אנהויב פון אורלויב אויב עס איז פאראויסגעזעהן; אויסערדעם, דארפט איר מעלדן אייער ארבעטסגעבער ווי שנעל מעגליך.

**ווען איר זענט גרייט זיך איינצוגעבן, פאלגט אויס די דריי שריט:**

1. **זאמלט אייערע בויגנס און דאקומענטן:** איר קענט באקומען PFL בויגנס פון אייער ארבעטסגעבער, אייער ארבעטסגעבער'ס אינשורענס פירמע, אדער דירעקט פון **PaidFamilyLeave.ny.gov/forms**. אייער בויגן פעקל וועט אריינגעמען די *Request for Paid Family Leave (פארלאנג פאר באצאלטע פאמיליע אורלויב) (ס) (בויגן PFL-1)*, צוזאמען מיט סיי וועלכע אנדערע בויגנס איר דארפט פאר די סארט אורלויב וואס איר ווילט נעמען. די בויגן אנווייזונגען וועלן אויסערכענען וואס, אויב סיי וועלכע, שטיצנדע דאקומענטן איר וועט דארפן אריינצוגעבן אלץ טייל פון אייער PFL פארלאנג.
2. **פילט אויס & באהעפט:** פילט אויס די בויגנס פאר די ספעציפישע סארט אורלויב איר פלאנט צו נעמען. באמערקט אז ***בויגן PFL-1*** האט טיילן וואס דארפן ווערן אויסגעפילט דורך אייך און אייער ארבעטסגעבער. פילט אויס די טייל, מאכט א קאפיע, און געבט די בויגן צו אייער ארבעטסגעבער אויסצופילן **טייל B**. אייער ארבעטסגעבער ווערט פארלאנגט צוריקצוגעבן ***בויגן PFL-1*** צו אייך אינערהאלב דריי ביזנעס טעג. אויב עס איז דא א פארשפעטיגונג, דארפט איר נישט ווארטן פארצוזעצן. שיקט דעם ***בויגן PFL-1*** וואס איר האט אויסגעפילט, צוזאמען מיט די רעשט פון אייער פארלאנג פעקל, דירעקט צו אייער ארבעטסגעבער'ס אינשורענס פירמע.
3. **געבט דאס אריין ביז 30 טעג:** איר דארפט אריינגעבן אייער אויסגעפילטע פארלאנג פעקל צו דעם ארבעטסגעבער'ס אינשורענס פירמע אינערהאלב 30 טעג נאך דעם אנהויב פון אייער אורלויב צו פארמיידן דאס פארלירן בענעפיטן.
   - אויסצוגעפונען ווער אייער ארבעטסגעבער'ס PFL אינשורענס פירמע איז, קענט איר:
     - זוכן דעם PFL טאוול אין אייער ארבעטספלאץ.
     - פרעגן אייער ארבעטסגעבער.
     - זוכט עס אויף דורך נוצן די ארבעטסגעבער דעקונג זוך אפליקאציע אויף **wcb.ny.gov**.
   - אויב איר קענט נישט טרעפן אייער ארבעטסגעבער'ס אינשורענס פירמע, רופט דעם ***באצאלטע פאמיליע אורלויב הילפסליניע*** **(Paid Family Leave Helpline)** פאר הילף אויף **(844) 337-6303**. די הילפסליניע איז אוועילעבל מאנטאג ביז פרייטאג, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג.

אין מערסטנס פעלער, דארף די אינשורענס פירמע באצאלן אדער אפזאגן בענעפיטן אינערהאלב 18 טעג פון באקומען אייער אויסגעפילטע פארלאנג אדער אייער ערשטע טאג פון אורלויב, וועלכע ס'איז שפעטער. אייער פארלאנג קען נישט ווערן באטראכט אלץ נישט פארענדיגט בלויז וויבאלד אייער ארבעטסגעבער האט נישט אויסגעפילט **טייל B** פון ***בויגן PFL-1*** אינערהאלב דריי ביזנעס טעג.

**עס איז אייער פאראנטווארטליכקייט אריינצוגעבן די בויגנס צו אייער ארבעטסגעבער'ס אינשורענס פירמע. עס איז נישט אייער ארבעטסגעבער'ס פאראנטווארטליכקייט.**